פולע טאבעלען פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה 9 זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 225 | Łódź, Wtorek 29 września 1931 r. | נייענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג י"ח תשרי תרצ"ב | № 225

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# דייטש-פראנצויזישע פערשטענדיגונג

## איז דערגרייכט געווארען בעת'ן וויזיט פון די פראנצ. מיניסטארען אין בערלין

בערלין, 28 (ספ. טעל.) דער פראנצויזישער אמבאסאדאר פאנסע, וועלכע מ'האט בעטען איבער פעלירט וועגען דעם שטאנד פון די דייטש-פראנצויזישע אונטערהאנדלונגען האט געענטפערט, אז די אונטערהאנדלונגען געהען גוט.

אין די בערלינער קאנפערענצען געהט קודם-כל וועגען פארברייטערען די צוזאמענארבייט פון דער פראנצויזישער און דייטשער כעמישער און עלעקטרא-טעכנישער אינדוסטריע. ווייטער ווערט בעראכט די פראגע וועגען פינאנסירען דורך פראנק-רייך די סאוויעטישע בעשטעלונגען אין דייטש-לאנד.

בערלין, 28 (ספ. טעל.) לאוואל האט נעכטען אפגעהאלטען א 2-שעה'דיגע קאנפערענץ מיטן קאנצלער ברינינג. פון ביידע צדדים ערקלערט מען, אז ס'וועט דערגרייכט ווערען א פולשטענדיגע פערשטענדיגונג.

פאריז, 28 (ספ. טעל.) דער דיפלאמאטישער קארעספאנדענט פון „זשורנאל" מעלדעט, אז דער פרעזידענט הובער וויל פערבעטען קיין אמעריקא דעם דייטשען קאנצלער ברינינג אין דעמזעלבען טערמין, ווען אין וואשינגטאן וועט זיין דער פראנצויזישער פרעמיער לאוואל. אזוי-ארום וואלט דייטש-לאנד אריינגעצויגען געווארען אין די אמעריקאניש-פראנצויזישע אונטערהאנדלונגען.

לאוואל און בריאן זענען היינט אויפגענומען געווארען דורכ'ן פרעזידענט הינדענבורג.

בערלין, 28 (טו) איבערן רעזולטאט פון די דייטש-פראנצויזישע אונטערהאנדלונגען אין בערלין איז ארויסגעגעבען געווארען פאלגענדער אפיציעלער קאמוניקאט:

ס'ווערט געשאפען א שטענדיגע דייטש-פראנצויזישע קאמיסיע, אין וועלכער ס'וועלען זיך געפינען די פארטרעטער פון דער רעגירונג, אינדוסטריע, האנדעל און ארבייטער פון ביידע צדדים. די קאמיסיע וועט זיך צונויפקומען אמאל אין בערלין און אמאל אין פאריז. די קאמיסיע וועט בעטראכטען אלע ווירטשאפטליכע פראגען. ס'וועט בעטראכט ווערען די פראגע פון האנדעלס-טראקטאט, צאל-פראגען און אנדערע.

## דער וויזיט פון די פראנצויזישע מיניסטארען אין בערלין



קאנצלער ברינינג

בעגריסט דעם פראנצויזישען פרעמיער לאוואל



בריאן דאנקט דעם פערזאמעלטען המון פונ'ם באלקאן פון האטעל אדלאן




### די בעגעגניש אויפ'ן באהן-הויף פרידריכשטראסע אין בערלין

1. דייטשער אויסערן-מיניסטער קורציוס; 2. פראנצויזישער אויסערן-מיניסטער בריאן; 3. פראנצויזישער פרעמיער לאוואל; 4. רייכס-קאנצלער ד"ר ברינינג.

## שטרענגליך פערוואונדעט דעם כינעזישען אויסערן-מיניסטער

### צוליב זיין מילדע האנדלונג בנוגע יאפאן

טאקיא, 28 (ספ. טעל.) צוליב די נישט-גענוגענדע ענערגישע שריט, וואס דער כינעזישער אויסערן-מיניסטער ד"ר וואנג האט אנגענומען בנוגע יאפאן, זענען איהם היינט אין נאנקין בעפאלען א גרופע סטודענטען און מערדערליך איהם צושלאגען מיט שטעקענס. דער צושטאנד פון כינעזישען אויסערן-מיניסטער איז א זעהר שווערער און מ'גלויבט נישט, אז מ'וועט איהם דערהאלטען ביים לעבען.

## יאפאן פערשפרייט איהר אקציע אויף צענטראל-כינא

### הויפטשטאט נאנקין זאל בעזעצט ווערען

מאסקווא, 28 (ספ. טעל.) די יאפאנער פערטראקען זיך אויף די געביטען, וועלכע זענען שוין בעזעצט געווארען און פיהרען איין אן איינענע אדמיניסטראציע אויף אלע באהן-סטאציעס הענגען יאפאנישע פאהנען.

אין די כינעזישע קרייזען האט מען מורא, אז יאפאן וועט פערשפרייטען איהר אקציע אויך אויף צענטראל-כינא. ס'איז אויך נישט אויסגעשלאסען, אז יאפאן זאל בעזעצען די איצטיגע הויפט-שטאט נאנקין. דערמיט וויל די יאפאנישע רעגירונג צווינגען כינא צו אנערקענען די יאפאנישע פאסטולאטען



די פראנצויזישע געסט פאר'ן האטעל אדלאן

## די פעלקער-ליגע בעמיהט זיך

### אפצושטעלען דעם יאפאניש-כינעזישען קריג

טאקיא, 28 (טו) דער יאפאנישער קריגס-מיניסטער האט ערקלערט, אז די יאפאנישע ארמעע וועט נישט פערלאזען דעם כינעזישען באדען, נישט קוקענדיג אויפ'ן בעשלוס פון פעלקער-בונד. ווען דער פעלקער-בונד וועט ווייטער אינטערווענירען אין כינעזיש-יאפאנישען קאנפליקט, וועט די רעגירונג זיין געצוואונגען צו פאלגען די פאדערונג פון דער יאפאנישער עפענטליכקייט און ארויסטרעטען פון פעלקער-בונד.

גענף, 28 (טו) דער ראט פון פעלקער-בונד איז זיך היינט נאכמיטאג צונויפגעקומען ווידער אנצונעהמען א שטעלונג וועגען יאפאניש-כינעזישען קאנפליקט, אזוי ווי ביז אהער זענען נישט פאראן קיין אפיציעלע מיטיילונגען פון כינא און יאפאן, וויל דער פעלקער-בונד ראטעווען זיין פרעסטיזש און צווינגען יאפאן אפצושטעלען איהר קריגס-טעטיגקייט.

דער כינעזישער פארשטעהער האט אנגעוויזען אויף די מערדעריען פון יאפאנישען מיליטער. דער יאפאנישער פארשטעהער האט ערקלערט, אז יאפאן איז גרייט אונטערצוהאנדלען מיט כינא דירעקט.

דער כינעזישער פארשטעהער האט ערקלערט, אז אין דער קאמיסיע זאל אויך אנטיילנעהמען א פארשטעהער פון דער פעלקער-ליגע. יאפאן געהט דערויף נישט איין. די דיסקוסיע איז אפגעלעגט געווארען.

# אונטערשטיצט די אפציייכנונגס־אקציע פון „הכח"
## אויב איהר ווילט האבען א שטארק יודיש דור!

1=טער קלאנג=קינא=טעאטער אין לאדז
„SPLENDID"
נארוטאוויטשא 20

# „X-27"

רעזשי: JÓZEF STERNBERG
עפאפיי פון דרייסטער העלדענטאט, אפפערונג און גרויסער ליבע.
פאסציגירענדער אינהאלט ∴ אונגעוועהגליכע אויסשטאטונג.
וואונדערשעהנע מעלאדיעס און אינטערעסירענדע אקציע
— אין די הויפט־ראלען: — Marlena Dietrich
Victor Mac Laglen, G. v. Scyfertitz Warner Oland, Lew Cody i Barry Norton

גרעסטער קלו פון דער וועלט!
דער קלו פון איצטיגען סעזאן!

אנהויב פון די סעאנסען 2 א זייגער נאכמיטאג. הנהה־קופאנען און פאספארטו׳ס א חוץ אמטליכע אונגילטיג. אנהויב. פון די סעאנסען 2 א זייגער נאכמיטאג.

## דעם שענסטען מעבער=הויז
♦♦ און דאס שענסטע ♦♦ ספארט=היטעל
אין א גרויסען אויסוואהל
„SPLENDID"
איז צו בעקומען נור אין דער בעקאנטער פירמע
11=טער ליסטאפאד 31 (קאנסטאנטינער)
צוליב׳ן קריזיס זענען די פרייזען בעדייטענד פערקלענערט!

**CORSO**
2 זשעלאזנא 2

היינט און פאלגענדע טעג! 1) „דאס ציהרונג פון אפאר׳ער קלויסטער" ענדע פון פילם טארזשאן צווישען דזשונגלים אין דער הויפטר.: FRANK MERRIL—דער מענש מיט שטאלענע נערוון מיט זיין פארטנערקע NATALJA KINGSTON בעקאנט פון „פאנאמער ים רויבער"
2) „נח׳ס תבה" גרעסטער פילם פון דער וועלט מיט GEORGE O'BRIEN און DOLORES DEL RIO אין דער הויפטראלע.
צוליב דער אונגעוועהנליכער פעראינטערעסירונג מיט דעם פראגראם, איז אנהייב פון די סעאנסען 12 א זייגער בייטאג. זונטאג און יום־טוב 10 א זייגער פריה. ס׳ווערט געבעטען צו קימען אויף די פריהערדיגע סעאנסען. פרייזען פון די פלעצער אויף די ערשטע סעאנסען פערקלענערט.

## טוך און קארט־געשעפט
# Herman Włoski

3 נאוואמיעסקא 3 נאוואמיעסקא

לאדז, נאוואמיעסקא 3 טעל. 114-92, פראנט 2-טער שטאק
עמפעהלט צום איצטיגען הערבסט· און ווינטער־סעזאן דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע
## דאמען= און הערען=שטאפען
ווי: לאדזער, טאמאשאווער, ביליצער, לעאנארד׳ס און אויסל. אויסארבייטונגען
בעסטע קוואליטעט! / נייעסטע מאדע! / פאבריקס=פרייזען! / הורט און דעטייל!
געדענקט די אדרעס! געדענקט די אדרעס!

## ניי־ערינגס,
אויספערטיגערינס
צו סווימערס
קענען זיך מעלדען זאפארט
פיעטריקאווער 26
ביי ראקאטש. 6674

## ENGLISH
פאראנפענגער און פארט געשריטענע. קאנווערסא־ציע, ליטעראטור
צו צוגענגליכע פרייזען
ערטיילט א פעהיגער פע־דאגאג. — אפערטען אי אדמיניסטר. פאר „Mir"

## די אלגעמיינע פערזאמלונג
### פון דער קאאפ. קליינהענדלער־באנק אין לאדז, אגראדאווא 2

קומט פאר היינט. דינסטאג דעם 29 סעפטעמבער, פינקטליך 7 א זייגער אוונד אין זאל „הזמיר" אל. קאשטשושקי 21
טאג־ארדנונג: 1) ערעפנונג 2) וואהלען פון א פרעזידיום 3) דאס איבערליינען דעם פראטאקאל פון דער פריהעריגער אלגעמיינער פערזאמלונג, 4) בעריכטען: א. פון דער פערוואלטונג ב. פונ׳ם ראט, ג. פונ׳ם פעריבאנד פון די יודישע קאאפעראטיוון געוואלשאפטען אין פוילען, 5) דאס בעשטעטיגען דעם בילאנס און פערטיילען דעם ריוח פאר׳ן יאהר 1930. 6) וואהלען פון 1 מיטגליד אין דער פערוואלטונג און 3 מיטגלידער אין אויפזיכטס־ראט אנשטאט די אויסגעלאסענע, 7 אננעמען דעם בודזשעט פאר׳ן יאהר 1931.

ראט און פערוואלטונג פון קליינהענדלער־באנק אין לאדז, אגראדאווא 2

בעמ: פארשלאגען צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג דארפען אריינגעטראגען ווערען צו דער פערוואלטונג 8 טעג פאר דער פערזאמלונג

## די ליטונג פון דער 7=קל. שולע
## פון א. עדעלשטיין, 9 סאלנא 9

מאכט בעקאנט, אז עס ווערען אנגענומען שילער פון 7 ביז 14 יאהר אין אלע קלאסען אויף דעם יאהר 1931/32, יעדען טאג פון 9 פריה ביז 1 מיטאג און פון 3—6 נאכמיטאג.
אין דער שולע ווערט געלערנט, א חוץ די וועלטליכע בילדונג, עברי, חומש, רש״י, תנ״ך, משניות, דינים און גמרא מיט תוספות דורך די בעסטע לעהרער און מלמדים.
די ערציהונג איז א שטרענג רעליגיעזע. נאכ׳ן פערלאנג פון די עלטערן ווערען די שילער פארגעבריט אין אלע יודישע גימנאזיעס.
אין פארברייטונגס־קלאס ווערען אנגענומען שילער פון 5 יאהר אהן פארקענטניש. אלע פארמאליטעטען לגבי דער שול מאכט: רויטע צעטלען איבערטראגען קינדער פון אנדערע שולען ערלעדיגט די שולע.
לייטער פון דער שולע י. עדעלשטיין.

אכטונג, לאדזער ביער=האלע=בעזיצער!
היינט, דינסטאג, דעם 29 סעפטעמבער ר.
2-טען טאג חוהמ״ס קומט פאר די
## גרינדונגס־פערזאמלונג
פון לאדזער ביער־האלע־בעזיצער אין לאקאל פון 2-טען קליינהענדלער פעראיין אלטשטאט נ. 10.
חברים קומט מאסענווייז.
מיט אכטונג די ארגאניזיר=קאמיסיע.

Dr. med.
# I. FAJWLEWICZ
צוריקגעקעהרט
שרודמיעסקא 16, טעל. 117-61

## איבערצוגעבען
# א פראנט=לאקאל
מיט א נעבען=צימער און א גרויס שוי=פענסטער
איז צענטרום שטאט. נארוטאוויטשא 7
מיט אנ׳אונטער=איינגאנג דורכ׳ן טויער.
געניגערעס צו ערפאהרען ביי מ. קאטשמארעק, נארוטאוויטשא 7
מעקלערס געוואונשען. מעקלערס געוואונשען.

## דאנקזאגונג.
דער פערוואלטונג און אדמיניסטראציע פון
„אוזדראוויסקא" און „בקור חולים"
פאר זייער זארגפעלטיגער אויפזיכט דריקען אויס דעם הארציגסטען דאנק. — — — — — — — — —
די רעקאנוואלעסצענטן פון VI=טען סעזאן.

## עס ווערט געזוכט
א קוואליפיצירטע
## גארטעטען = ארבייטעריי
מיט לאנגיעהריגער פראקטיק.
אפערטען אונטער „נ" אפגעבען אין דער אדמיני־סטראציע פון דער צייטונג. 6554

Lekarz-Dentysta
# StGELBERG
Zawadzka 14, tel. 108 33
צוריקגעקעהרט.
נעהמט אן פון 2—10 און פון 7—4 אוונד.

Dr. med. H. GUTSZTADT
ספעציאל־ארצט פאר אקושעריע און פרויען־קראנקהייטען
צוריקגעקעהרט
ZACHODNIA 62 (Sródmiejska 14)
telefon 129-52.
נעמט אן פון 9—10 פריה און פון 5—7 אוונד.

## קלאנג־קינא MIMOZA
קילינסקיעגא 178
היינט און פאלגענדע טעג!
גרויסער קלאנג=פילם
# „איהר בחור"
(Jej chłopczyk)
פילם פול מיט סענטימענטען.
אין די הויפטראלן:
Magda Sonia i Jaś Feher.
נעכסטער פראגראם: „סוף וועלט".
אנהויב 4 נאכמ., שבת און זונטאג 2 בייטאג
אויפ׳ן ערשטען סעאנס אלע פלעצער 60 גר

# Dr. B. Robinson
פיעטריקאווער 10, טעל. 131-86
צוריקגעקעהרט.

## אנ׳ארט
צו שלאפען
פאר 2 אנשטענדיגע יונגעלייט, איז אפצוגעבען.
צו ערפאהרען
פיעטריקאווער 33,
אין 2-טען הויף, פארטע־

## ענטשולדיגונג.
דערמיט בעט איך ענטשולדיגונג ביים געפליגעל־הענדלער־פעראיין אין לאדז פאמארטקא 17 פאר מיין עובר זיין אויף די בעשלוסען פון פעראיין איך פערזיכער, אז מעהר וועט אועלכעס נישט פאר־קומען. אלס צייכען פון חרטה שפענדע איך 25 זל. לטובת דעם פעראיין.
נחמן ראטפאגעל, ווסכאדניא 52

## קויפט נור ביי דער ערשטער האנד!
# יין כשר וטוב!
# 1/4 ליטער נור 63 גראשען
פון דער אלטער בעוואוסטער פירמע
# „בארוויך"
אינה.: מענדיל בארנשטיין, לאדז
נאוואמיעסקא 30, טעל. 210-58
גרויסער אויסוואהל פון וויינען, ליקערן און בראנפען׳ס.
ביליגע פרייזען. סאלידע בעהאנדלונג.

